בס"ד

# בולעטין פון וועד העירוב העולמי למען תיקון עירובין

# די היסטאריע איבער דעם פאבריצירטן איסור פונעם עירוב אין בארא פארק - שנת תשמ"א

אין שנת תשמ"א, בשעת זיבען רבנים[א] האבן געמאכט דעם עירוב אין בארא-פארק, האט דער אונגווארער רב שליט"א אנגערופן צו אלע גרויסע רבנים פרעגן אויב זיי זיינען מסכים מ'זאל מאכן אן עירוב אין בארא-פארק, להלכה ולמעשה.

ער האט געוואלט שטעלן דעם דעברעצינער רב זאל זיין דער רב המכשיר, אבער מפני סיבות שונות האט ער נישט געוואלט. אבער ער האט געגעבן די פילע הסכמה. וכך הוה ביי די אנדערע רבנים וואס האבן נאך דעם געשריבען לאיסור, ואין כאן מקומו להאריך.

אלע רבנים כולם פה אחד הודו ואמרו און האבן געלויבט דעם אונגווארער רב און אים געגעבן זייער פולע הסכמה צו מאכן דעם עירוב אין בארא-פארק. מ'האט זיי אלע געזאגט פונקטליך ווי מ'גייט עס מאכן מיט אלע פרטים און אלע האבן מסכים געווען דערויף.

דער וועד העירוב האט אריינגעלייגט אין "אלגעמיינעם זשורנאל" די באריכטן וועגן עירוב, עס איז ארויסגעקומען א ספעציעלער צייטונג מיטן נאמען "אסיפת זקנים" 5,000 שטיק, מיט די מכתבים פון אלע רבנים וואס איז געשריבן געווארן צום ראצפערטער רב שליט"א און עס איז צעשפרייט געווארן די זעלבע נאכט אין אלע שולן.

דער טומל האט זיך אנגעפאנגען אין א גרויסן פארמאט.

הרב ביק האט אנגעפאנגען צו טומלען, ער איז געלאפן צום סיגעטער רב, היינט סאטמער רבי, און האט אים געזאגט אזוי: ביי די פרשה פון שחיטה האב איך אייך געהאלפן, (זעה

---

א . הגה"צ רבי מנשה קליין אבדק"ק אונגווארר שליט"א בעמח"ס משנה הלכות י"ח חלקים, הגה"צ רבי אברהם מאיר איזראעל אבדק"ק הוניאד בעמח"ס ילקוט המאירי על הש"ס, ושו"ת ויען אברהם שליט"א. אבדק"ק הגה"צ רבי מאיר גרינבערג אבדק"ק קעזמארק שליט"א, הגה"צ רבי אהרן וויעדער אבדק"ק לינץ שליט"א, הגה"צ רבי אפרים פישל הערשקאוויטש אבדק"ק האליין שליט"א. הגה"צ רבי מנחם מנדל רובין אדמו"ר ואבדק"ק מושאי שליט"א, ועוד.

דער משגיח אופן עירוב האט געדארפט זיין דער סיגעטער רב הרה"ג רבי זלמן לייב טייטלבוים שליט"א בן כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א.

דאקומענט #1) איך בעט אייך העלפט מיר יעצט ביי די מערכה פון עירוב, און קומט ארויס מיט אן איסור קעגן עירוב.

די הויפט סיבה פון הרב משה ביק'ן איז געווען ווי מיר האבן פארשטאנען אז ער איז מקנא דעם אונגווארער רב, ווייל ער האט געטראכט, אז אונגווארער רב וועט ווערן צוליב דעם עירוב דער הויפט רב אין בארא פארק. און דערווייל האט הרב ביק זיך געהאלטן פאר הויפט רב אין בארא פארק, ער איז וועגן דעם געגאנגען אין דרך פון הגר"ם פיינשטיין זצ"ל, ער איז געווען דער גרעסטער מתיר אסורים אין בארא פארק, ער פלעגט פסק'ענען שאלות נשים אופן טלפון, ועוד.

דער אמת איז אז: דעם ערשטען צעטיל וואס די מתנגדי העירוב בניו וחתנו של הרב ביק האבן ארויס געגעבען מיט 10 וואכן צוריק און פארשפרייט אין די גאסן איז: אז רב ביק איז דער הויפט פוסק אין בארא פארק, און קיינער טאר נישט זאגן אנדערשט ווי ער.

אויך האט מוסיף געווען הרב ביק, כדי די מערכה זאל אים געלונגען, האט ער געזאגט פארין סיגעטער רב, הרב משה טייטלבוים, אז ער זאל וויסען אז דעם עירוב אין בארא פארק פירט אן דער האלמינער רב, (כדי דער סיגעטער - סאטמערער רב זאל מסכים זיין צו וואס ער וויל).

דער האלמינער רב איז דאך ארויסגעקומען קעגן אייערע פלייש אז עס איז נבילות וטריפות, ע"כ טוט מיר א טובה שמור לי ואשמור לך איר זאלט ארויסקומען אין נאמען פון סאטמערער רבין זי"ע אז מען טאר נישט מאכען קיין עירוב, און העלפט מיר אז דער עירוב זאל אונטערגיין, איך וועל טוהן די איבריגע ארבעט. איר העלפט מיר נאר צו וואס איך בעט אייך, איך דארף נישט פון אייך נאר א קליינע טובה, אז אין דער איד זאל גארנישט אריינגעלאזט ווערען וועגען מצוה פון תיקון עירובין זיי זאלן נאר שרייבען א קעגען עירוב.

דער משה ביק האט געוואוסט אז דער אונגווארער רב און דער הוניאדער רב זיינען דא בראש המערכה פון דעם עירוב, על כן האט ער געטראכט צו מאכן שח-מט, ער וועט גיין צום קאפ און אפשטעלן דעם קאפ.

זיי האבן געוואוסט אז עס גייט שטיין אין צייטונג, אין דעם "אלגעמיינעם זשורנאל", די גאנצע היסטאריע פון דעם עירוב, די רבנים המתירים פונעם עירוב ובראשם דער סאטמער רבי זי"ע, און א מאפע פון די גבולי העירוב פון בארא פארק, זיי האבן דאס געוואלט אפשטעלן, ווייל זיי האבן געוואוסט אז אויב ס'וועט זיין געדריקט אין צייטונג אין אלגעמיינער זשורנאל אין נאמען פון פריערדיגען סאטמערער רבין זי"ע, וועלן זיי פארלירן די גאנצע מערכה, זיי וועלן שוין מער נישט קענען טענה'ן אז דער סאטמער רבי איז געווען קעגן עירוב, ווייל עס שטייט דאך מפורש אין "אלגעמיינעם זשורנאל" אז ער איז געווען פאר'ן עירוב.

על כן האבן זיי געטאן אזוי: זיי האבן געלאזט אריבעררופן דעם הוניאדער רב צום סיגעטער רב אין שטוב, און אנגעפאנגען האנדלען מיט דעם הוניאדער רב מ'זאל מאכן שלום, קיינער זאל נישט שרייבן גארנישט, נישט אונז וועלן מיר שרייבן פארן עירוב, און נישט ער וועט שרייבן קעגען, און ס'וועט ווערן שא-שטיל, שלום על ישראל.

דער האלמינער רבי'ס שליח האט שוין געהאט אריינגעגעבן דעם ארטיקל אין נאמען פון אלע 39 רבנים אין דעם "אלגעמיינעם זשורנאל", עס איז שוין געווען גרייט צום דרוק, עס איז געווען דינסטיק נאכט, 11 ביינאכט, און מ'האט געדארפט געבן תשובה יא אדער נישט.

דער האלמינער רב האט געהאט איינעם זיינער א חסיד אין דעם אופיס פון דעם צייטונג "דער איד", ער האט געזאגט דעם האלמינער רב אז ס'איז דא א גאנצער עמוד אין דעם איד פון זעקס רבנים[ב] אז דער רבי זי"ע האט גע'אסר'ט דעם עירוב, און די מודעה גייט אריין אין דעם צייטונג "דער איד", און ס'איז נישט געקומען קיין שום נייע ידיעה מ'זאל ארויסנעמען די מודעה פונעם "איד". ביז 2 שעה גייט דאס צום דריק.

על כן האט דער האלמינער רב געזאגט פאר דעם הוניאדער רב (בשעת ווען ער איז געוועןביים סיגעטער רב און האט גערעדט איפן טעלעפאן וואס איז געווען אויף דעם מייק, אז הרב משה טייטלבוים דער סאטמער רבי זאל הערן וואס ער רעדט מיט'ן האלמינער רב) האט דער האלמינער רב געזאגט פאר'ן הוניאדער רב, הערטס מיך אויס הוניאדער רב, וואס איך זאג אייך יעצט, "דער סיגעטער רב מיט ביקי'ן וואס זיי זאגן אז זיי וועלן נישט אריינלייגן אין דעם איד, זיינען 2 גרויסע ליגנערס, ס'וועט יא שטיין די וואך אין "דער איד", איך קען אייך איינלייגן טויזנטער דאלער אז ס'וועט מארגן שטיין אין "איד", און איר קענט זאגן פאר הרב משה טייטעלבוים אין מיין נאמען, אז ער איז א גרויסער ליגנער, און די מעשה וועט נאך ווערן אפגעשריבן, ס'וועט אריינגיין אין די היסטאריע, מ'זאל וויסן ווי אזוי דער סיגעטער האט געטאן א טובה פאר הרב ביקי'ן צו אסר'ן דעם עירוב, על כן האבן זיי מוציא לע"ז געווען אויף סאטמערער רבין אז ער האט גע'אסר'ט עירובין חס ושלום, חאטש דער סאטמערער רבי האט געהייסען פארן סיגעטער רב מיט יארן צוריק ער זאל מאכען אן עירוב אין בארא פארק. [ווי דער סיגעטער האט דאס פארציילט פאר אסאך רבנים, און ער האט אויך געטוהן אין דעם].

---

ב . רוב פון די זעקס רבנים זענען געווען רבנים מכשירים וואס האבן מאכיל געווען טויזנטער אידען מיט נבילות וטריפות חלב ודם. און זיי האבן נישט מורא געהאט ארויסצוגיין א קעגען די תורה הקדושה, וואס די תורה הקדושה שרייט נבילה וטריפה לא תאכלו, כל חלב וכל דם לא תאכלו, און מען מעקט אויס דעם **"לא"** און עס ווערט **"תאכלו"**.

שטעלט אייך פאר מען נעמט בלויז אוועק דעם "לא" פון די עשרת הדברות ווערט **"תרצח"**, **"תנאף"** וכו'. האבען זיי דען מורא געהאט צו שרייבען אין נאמען פון רביה"ק מסאטמאר אזא בארבארישען שקר אז ער איז געווען א קעגען עירוב?

דער הונידער רב האט געזאגט פאר דעם האלמינער רב, פאלגט מיך און לאזט נישט אריין לייגען די מודעה אין דעם "אלגעמיינעם זשורנאל".

עס פארשטייט זיך, אז אזוי ווי דער הוניאדער רב און דער אונגווארער זיינען געווען די הויפט פון דעם עירוב, און דער האלמינער רב איז נאר געווען א שליח זיי צו העלפן, מסדר זיין די מודעה שיקען און אריינלייגן אין צייטונג, על כן האט דער האלמינער רב געמוזט פאלגן דעם הוניאדער רב און אונגווארער רב נישט אריינצושטעלן די מודעה אין "אלגעמיינעם זשורנאל".

הבוקר הי' ורוח קדים נשא את הארבה, די מודעה אין דעם צייטונג "דער איד" איז געשטאנען, א גאנצער עמוד, פון זעקס רבנים וועלכע זיינען מעיד אז דער סאטמער רבי איז געווען א קעגען עירוב, אין מאנהעטען און אויך אין ברוקלין.

א וואך שפעטער האט דער האלמינער רב געלאזט אריינלייגען א מודעה (די זעלבע וואס ס'האט געדארפט שטיין מיט א וואך צוריק) אין "אלגעמיינעם זשורנאל".

יענעם מוצש"ק נאך דעם וואס די מודעה וועגן עירוב איז געשטאנען אין אלגעמיינעם, זיינען אריבערגעגאנגען צום דעברעצינער רב דריי רבנים: הוניאדער רב, אונגווארער רב, און האלמינער רב, מ'קומט אריין צום דעברעצינער רב, פרעגט דער דעברעצינער רב די ערשטע שאלה (מיט א מורא'דיגן כעס[ג] וואס האלמינער רב האט אים נאך נישט געזעהן צו זיין קיינמאל אין אזא כעס, דער האלמינער רב פלעגט מיטן דעברעצינער רב אינאיינעם ארויס געבען א מדריך הכשרות יארן לאנג, און איז געווען א בן בית ביים דעברעצינער רב), ווער האט אריינגעלייגט די מודעה וועגן עירוב אין "אלגעמיינעם זשורנאל"? איך וועל זיך אין אים נוקם זיין.

דער האלמינער רב ענטפערט פאר דעם דעברעצינער רב, איך האב עס אריינגעלייגט אין צייטונג אין שליחות פון 7 רבנים בתוכם אונגווארער רב מיט הוניאדער רב שליט"א, און יעצט זייט זיך נוקם אין מיר.

פאר'ן אמת האב איך נישט קיין מורא, איך בין מיך גרייט זיך מוסר נפש זיין פאר'ן אמת.

---

ג. זעט אויס אז דער דעברצינער רב האט געברענט מיט כעס, ווייל די גאנצע וועלט וועט זעהן אז ער האט געשריבען איין גרויסען שקר, ווי גרויסע זקני הרבנים זענען מעיד אז דער סאטמערער רבי זי"ע איז געווען פארן עירוב און האט געהייסען מאכען עירובין, האט ער זיך זייער געשעמט, וואס וועט די וועלט זאגען אויף דעם אפענעם שקר, - ווייל ער איז געווען אן איש אמת, און לוחם געווען פארן אמת, אבער דא ליידער האט מען אים פארנארט פונקט ווי מען האט פארנארט אנדערע רבנים גדולי ישראל, און ער מיט זיין גרויס תמימות האט געגלייבט פאר די שקרנים און זייפנים. - יא דער אמת טוט וויי!

דער הוניאדער רב פרעגט דעם דעברעצינער רב, איך וויל אייך פרעגן א שאלה, אין אייער בית המדרש שטייט אויפגעשריבן אז דער בית המדרש פירט זיך לויט די מנהגים פון חתם סופער, יעצט אויב דער חת״ס זאגט[ד] אז מ׳זאל מאכן אן עירוב ווי קומט איר ארויסצוגיין קעגען עירוב? האט דער דעברעצינער רב געענטפערט, ווי מעג מען מאכן אן עירוב, מ׳וועט דאך גיין אין פיצה סטאר און אין מואווי אום שבת? בארא-פארק איז דאך א פרייע שטאט, ס׳וועט דאך זיין גרויסע פירצות? דער הוניאדער רב האט אים געענטפערט, ראשית ס׳איז נישטא נישט קיין מואווי און קיין פיצה סטאר אפען שבת אין בארא פארק, די זאכן זענען נארישקייטן.

דער הוניאדער רב זאגט צום דעברעצינער רב, איר ווייסט צו וועלכן שטאט דער חת״ס האט געשריבן א תשובה צו מאכן אן עירוב, איר קענט אפילו נישט די ראשי תיבות וואס עס שטייט אין די תשובה. איך וועל אייך מגלה זיין די ראשי תיבות פון די שטאט, איך בין באקאנט מיט דער היסטאריע.

די שטאט וואו דער חת״ס האט געשריבן די תשובה איז געווען א פרייע שטאט, הינדערט מאל ערגער פין בארא-פארק, יונגען מיט מוידן פלעגן טאנצן אויף דער גאס, און דאס גלייכן. און אעפ״כ דוקא פאר די פירצות׳דיקע שטאט האט דער חת״ס געהייסן מאכען אן עירוב.

ווי אזוי זאגט איר אז דער סאטמרער רב האט גע׳אסר׳ט עירובין אין ברוקלין, ס׳איז דאך א שקר!

# די היסטאריע מיט דעם דעברעצינער רב שליט״א

## פארוואס האט טאקע דער דעברעצינער רב געשריבן אז סאטמער רב איז געווען קעגען עירוב?

ס׳איז באוואוסט אז דער דעברעצינער רב האט געגעבן אן השגחה אויף די מקוה אין בארא פארק אין איינעם מיט הרב משה ביק[ה], דער דעברעצינער איז געווען א גרויסער קנאי און מ׳האט אים איינגערעדט די גרויסע פירצות וואס גייט פאר, האט ער מסכים געווען צושרייבן א ליגט אין נאמען פון סאטמארער רב. ווייל דער סאטמער רב איז דאך געווען קעגן דעם עירוב אין מאנהעטען, ווייל דארטן איז געווען דער ציוני מענדל כשר דער אנפירער, על כן האט ער נאר געדארפט צושרייבן נאר אייןווארט ״אין ברוקלין״, ווי ס׳איז באוואוסט אז ביי האט מען עס געקענט פועלין. בפרט אין אזא מצב אז חס ושלום גאנץ אידישקייט אין בארא פארק וועט דאך אונטערגיין, ווי די זייפנים האבען אים איינגערעט.

**פרטים יבואו!**

---

ד. שאלות ותשובת חתם סופר חלק אורח חיים סימן צ״ט וזה לשונו: דהאי ברכה על מצות עירוב היא על מצות התיקון הגדול הלז להשמר מאיסור הוצאה אשר ממש אי אפשר להזהר ממנו עד כאן לשונו.

ה. רבי יחזקאל ראטה, מיט הרב חיים אלעזר פרידמאן הרב חיים יעקב טויבער, הרב ישוע העשיל הלוי ביק, על כן האבן זיי געהאט די רבנים אין טאש.